STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11016

VOS IKH ZING UN ZOG

S. J. Imber

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל יעקב אימבער

וואָס איך זינג און זאָג

לעמבערג, 1909

לעמבערג — דרוק פון א. סאלאט.

פ. ט. און מ. ק.

צו אייגען

איך קום צו אײַך מיר נעמען,
וואָס כ׳האָב בײַ אײַך געלאָזט.
מײַן חכמה־שטײַן פֿין קרעמען,
מײַן שליסעל, רויט פֿון ראָסט. . .

וואָס האָט איהר אײַך פֿערשלאָסען!
וואָס האָט איהר אײַך פֿערמאַכט!
עס איז אַ יאָהר פֿערפֿלאָסען —
און ס׳איז די האַלבע נאַכט. . .

כ׳קום יונגער מיט א לעבען,
און רײַכער מיט א יאָהר.
גאָט האָט אַ זוהן געגעבען
צום שענסטען מענשענפּאָר.

ווי גאָלד איז מײַן געליעבטע!
איהר אויג מיט גאָלד צוגלײַך — — —
און איך האָב גאָלד אין קאַמער,
דער שליסעל איז בײַ אײַך. . .

און כ'האָב אַ שטיין פֿון חכמה,
אַ סוד פֿון גרויסען גליק..
די אוצרות-שליסלען מיינע —
זיי גיט מיר היינט צוריק.

איך האָב זיי אייך געגעבען,
ווען כ'האָב אייך ליעב געהאַט. —
היינט האָב איך ליעב מיין ליעבסטע,
און כ'האָב אַ יונגען זוהן..

וואַנדערער־גליק

אויף אלטע וועגען.

ווענען שטילע ווי קלוגע זקנים,
גראָזען ווייכע ווי צערטליכע מאַמעס,
דאָ האָט איהר מיך ווידער, אַ שענעס, אַ רייניעס,
מיט אויגען ווי זונען, ווי זונען אים תמוז. . .

ווענען שטילע ווי דאָרפישע אויגען,
גראָזען ווייכע ווי סאַמעטהאָר־פלעכטען,
דאָ האָט איהר מיך ווידער... איך קום ווי געפלויגען...
מיין גליק איז געוועזן דאָ... נישט נעכטען... נישט נעכטען...

דאָ האָט איהר מיך ווידער — אַ לאַבענדען מענשען,
אין זומער־טעג לאַנגע אַ קינד צווישען קינדער...
ווענען שטילע, ווי טאַטעס וואָס בענשען,
גראָזען ווייכע און זיסע ווי קינדער...

צו יוסף א...

I.

מײַן יונגער פֿרײַנד, דו לאַכסט... דו לאַכסט...
מײַן יונגער פֿרײַנד...
ווי פּערעל זענען דײַנע ציין —
מײַן יונגער פֿרײַנד...

ווי פּערעל זענען דײַנע ציין,
האָסט גאָלד אין אויג...
אַ נייג דיך נעהנטער צו, דו קינד..
דו נאַר... דו נאַר...

אַ נייג דיך צו... און לאַך... און לאַך...
אַ נוט איז מיר...
איך בין דאָך גליקליך, גליקליך היינט —
מײַן זיסער פֿרײַנד...

II.

מײַן אויג איז אַ בליץ – און דײַן אויג איז אַ טײַך,
פֿול הימעל און רוה...
איך פֿאַל דיר אין ד׳אָרעם, אין ד׳אָרעם דיר גלײַך...
וואָס ציטערסטו? — דו — — —

איך פֿאַל אין דײַן אָרעם, און זינק אין דײַן טיעף
און זינק אויף דײַן דנאָ...
דײַן פנים, דײַן פנים וועל איך שוין נישט זעהן...
וױ שרעקט עס מיך — אָ! —

III.

ווי בענק איך, מיין קינד, פון דער טיעף, פון דער טיעף
ארויף צו דיין פלאך...
איך בין אין דיין תהום א פערקלונגענער לאך,
א פערטראנקענע שיף...

געשטארבענע הענגען די וועלען אויף מיר —
תכריכים־ציינג ווייס...
און חוואליעס־הענד שלאגען מיט שטורמינען כעס
אין מיין הימליכסטער טיר...

IV.

און כ'האָב מיך דערהויבען, און האָב מיך בעפרייט...
שוין ווינקט מיר דיין פנים פון ווייטען, פון ווייט...

און כ'האָב מיך דערהויבען פון דריקענדען טרוים...
שוין קוש איך די גאָלדענע צעפ פון דיין שוים...

איז וואָהר, אז א טייך ביסטו, וואו עס ווערד ריין
דער בליץ פון דעם שטן'ס וועלטשטויטענדען מיין?

איז וואָהר, אז א שטורעם געוועזן איז דאָ פריהר?
און איך, ווען בין איך דען געוועזען ביי דיר?

ווען איז עס געוועזען? — דו טראַכטסט, און איך טראַכט...
עס האָט אונז דאָך נאָך ניט געזעהען די נאַכט...

V.

די נאַכט, זי איז אַ שטילע, שטילע...
זי לויפט מיר נאָך דעם גאַנצען טאָג...
דאָך — גליי̆בסטו קינד? — איך קען זי נישט...
איך נעכטיג נישט אויף וואַנדערוועגען...

אָ שרעק דיך נישט... אָ פאָרכט דיך נישט...
זי וועט אונז ניט דערגרייכען — ניין...
און איי̆ עס וועט דער טאָג אַוועק —
וועסט דו מיך זיכער נאָך פערשטעהן...

VI.

איך בין אַ נביא אין מײַן היים,
און וויל אַ קינד זײַן אין דער פֿרעמד...
קום, פֿיהר מיך אונטער ביז צום וואַלד,
וואו טעגליך שטאַרבט די רויטע זון...

די רויטע זון — דאָס איז מײַן קרוין...
זי געהט מיט מיר וואוהין איך וויל...
ווײַסט זעהען זי, און זעהען לאַנג,
ווען איך וועל שוין נישט זײַן בײַ דיר...

VII.

און איצטער איז מנחה־צײַט, מנחה־צײַט שוין —
אָ ליכט... אָ קרוין...
געזעגנען דעם טאָג, איז ער שווינדט —
מײַן קינד...

און ווילסטו פֿערנעמען מײַן תפילה, מײַן ליעד —
איז גוט... איז גוט...
מײַן אָבענדליעד הײַנט איז דײַן לויב —
דו שטויב...

פֿאַר גליק האָט געזונגען, געזונגען אין מיר —
דורך דיר... דורך דיר...
פֿאַר גליק האָב איך וויינען געוואָלט —
אָ גאָלד...

VIII.

און פֿרעג מיך נישט, וואוהין איך גײה...
צי ווײס איך דען?
מײן פֿוס טרעפֿט זעלטען צו דעם אָרט,
וואו כ׳בין געווען...

איך גײה, כדי צו בענקען אַלץ
צוריק... צוריק...
אוי וועל איך בענקען נאָך דײן אויג,
און נאָך דײן בליק! — — —

IX.

... און איך בין געגאַנגען אָהן ציעלען און שטיל,
ביז כ'האָב דיך דערקענט...
היינט ווייסט שוין מיין אָדלער, מיין גייסט, וואָס ער וויל...
אָ גיב מיר די הענד!

היינט זעה, וואָסער וואונדערליך בלוט איך פערמאָג...
אָ טרינק עס — ס'איז וויין...
און איצט איז אַ טאָג ערשט אַוועק... ערשט אַ טאָג...
געבענשט זאָלסטו זיין! — — —

צו קאזימיעזש ב...

I.

אין יענעם שטילען אויפדערנאכט,
ווען ביסט געקומען אויף מיין וועג,
ווען ביסט געקומען ווי א קינד —
האט הויך געלאכט מיין גליק, מיין גליק...

און כ'האב געטראכט א גאנצע נאכט,
א גאנצע, לאנגע, זיסע נאכט:
די בלום, די בלום, די יונגע בלום —
צי האט דיך ווער ווי איך בעטראכט?

די בלום, די בלום, די מענשען-בלום...
צי האט דיך שוין געבענשט א האנד?
צי האט דיך שוין געקושט א'ן אויג?
צי האט א הארץ געלאכט דורך דיר?

II.

איך שטײה און קוק, און קוק אויף דיר,
און װער נישט זאַט, און װער נישט זאַט...
װי גליקליך איז דײַן מוטערס אויג —
זי קען דיך פֿון דײַן ערשטען טאָג.

װי גליקליך איז דײַן מוטערס אויג!
זי קוקט דיך אָן, און זעהט אַ טאָג,
װאָס איז געװען נאָנט לאַנג, נאָנט לאַנג,
װאָס האָט נעבוירען גליק, אָך — גליק...

III.

און כ'האָב געזעהן דײַן פאָטערס אויג,
ער קוקט אויף דיר — און זעהט דיך ניש..‏.
און כ'האָב געדריקט דײַן פאָטערס האַנד —
עס איז אַ קאַלטע, האַרטע האַנד...

קינד, מײַן האַנד איז הײם און װײך...
כ'האָב נאָך קײנעם נישט געשלאָגען...
װאָרום ביסטו נישט געבוירען
מיר אַ יונגער, זיסער ברודער!

IV.

קום, אָ קום צו מיר אין שטוב,
כ׳וועל דיך קושען, קושען לאַנג,
ווי אַ ברודער, ווי אַ קינד,
ווי אַ מענש, וואָס מ׳האָט איהם ליעב...

אין מיין שטילער, שטילער שטוב
איז פאַר בלומען דאָ אַ טוי...
אויגען שוואַרץ און אויגען בלוי
האָבען דאָרט שוין אויפגעבליצט...

אויגען שוואַרץ און אויגען בלוי...
גאָטעס בלומען אויף דער ערד
גאָט האָט מיר זיין טוי בעשערט —
און איך וואַש זיי ריין פון שטויב...

און איך הייב זיי אויף צו גאָט...
און איך שמעק מלאכים־דופט...
אין מיין שטילער, שטילער שטוב
איז גן־עדן׳דיג די לופט...

V.

שוין — עס הענגען שוין די קראנצען
אויף מיין טיר...
איצט בענעהר איך דיך און גאנצען...
קום צו מיר...

טרינק מיך אן מיט דיינע אויגענס
שטראהלענגסוד...
איך בענעהר נאך דיינע ארעמס,
יונגער גאט! —

זעה, מיין קינד, איך בין א נביא —
און איך לאך...
כ'קאן אויך ליעבען, כ'קאן אויך קושען —
און א סך...

כ'קאן אויך טאנצען — וועל'מיר טאנצען,
קינדער מיר...
קום — שוין וויעגען זיך די קראנצען
אויף מיין טיר...

VI.

דו פרייִדענקוואַלל, דו אוינענשיַין,
דו מוזט אַ שלעכטער, שלעכטער זיַין —
דו מוזט אַ שלעכטער, שלעכטער זיַין —
וואָס הערסטו ניט דאָס רופען מיַין ?

וואָס הערסטו ניט דאָס רופען מיַין !
מיַין קאָפּ איז פול מיט אַלטען וויַין...
מיט אַלטען וויַין פון יונגער ליעב...
וואָס קומסטו ניט צו מיר אין שטוב !

איך וואַרט דאָך שוין אַ חודש לאַנג,
פון מאָרגען פריה ביז אָבענדגאַנג...
איך וואַרט דאָך שוין אַ חודש צייַט —
און דו ביסט פרעמד, און דו ביסט וויַיט...

VII.

פֿריִהמאָרגענס לאַך איִך הויך און שטאַרק
בײַם עפֿענען די אויגען...
און שטאַרבט די זון — ערוואַכט מײַן פֿײַנד,
דער טויט — און שפּאַנט זײַן בױגען...

פֿריִהמאָרגענס רופֿט מײַן נאָרטען מיִך
מיִט פֿרישע רויזענדופֿטען...
און צווישען טאָג און נאַכט הענגט שוין
אַ גוסס־קרעכץ איִן לופֿטען...

פֿריִהמאָרגענס הענג איִך פֿריִשע קרענץ
אויף פֿענסטער און אויף טיִרען...
און אָבענדס קומט מײַן אײַנזאַמקײַט
צום פּוסטען בעט מיִך פֿיִהרען...

VIII.

מיט טיעפע אויגען קוקט אויף מיר
דאס קינד, און שרעקט זיך, שרעקט זיך: —
ווען האט ביי דיר, דו פרעמדער מענש,
מיין גאלדען בילד דערוועקט זיך?

ווער ביסטו, מענש, וואס קומסט צו מיר
אין מיטען פון די גאסען?
איך פיהל, דו ווילסט מיר רויבען וואס,
דאך קאן איך דיך ניט האסען...

דו ווילסט מיר רויבען יענע טעג,
וואס האבען גראה בעדעקט מיך...
איך בין געשלאפען — וועק מיך נישט...
עס שרעקט מיך, און עס שרעקט מיך...

IX.

אָ קינד, אָ קינד, ניט שרעק זיך דאָך,
ניט שרעק זיך מיר פאַר מענשען.
אַ מענשענהאַרץ איז הייליג גלייך
אין שעלטען ווי אין בענשען...

און שעלט אַ מענש דעם הימעלס ביין —
איז ער פון גאָט גערעכטער.
און לאַכט אַמאָל אַ מענש פון גאָט —
דאַן וויין אויף זיין געלעכטער.

דאָך, שטרעקט זיך אויס אַ מענשענהאַנד
צו בענשען מענשענגליעדער —
דאַן בייג דעם קאָפּ, און בייג די קניע —
זיין גאָט געפינט ער ווידער...

צו עוועהען וו...

אַמאָל, אַמאָל, ווען כ'בין געגאַנגען פאַרביי דיין רויטבעמאָלטער טיר —
איז לאָקינג דאַן געווען דיין קאָפּ, און האָט געלאַכט, געלאַכט צו מיר.

אַמאָל, אַמאָל, האָב איך געטרונקען פון דיינע האָר דעם אַראָמאַט...
אַ דורשטיגער בין איך געווען — דו האָסט געמאַכט מיך זאַט, אָך, זאַט...

אַמאָל, אַמאָל, דורך בענקשאַפטס-פלאָג האָב איך אַ גאַנצע, גאַנצע נאַכט
דיין ליכטבערויבטען פענסטערס סוד, דעם שוואַרצען סוד בעוואַכט, בעוואַכט.

אַמאָל, אַמאָל, (איך בין אַ מענש) האָב איך מיין גאַט דורך דיר געטייט —
אין גאָרטען, וואו דער שאָטען וואוינט, אין אָוועגד, ווען די זון פערנעהט.

מײַן לעבען

פ. ט.

אקאָרדען.

1.

האָסט געזעהן, ווי דעמבעס פאַלען
אין אַ אויסגעהאַקטען וואַלד? —
האָסט געזעהן אַ דאָמבס גבורה,
און זיין כח ווען ער פאַלט? —

האָסט געהערט דאָס ליעד פון העקערס? —
פון דעם העקערס טויט דאָס ליעד...
„ר'האָט געהאַקט צו טיעף די וואָרצלען,
און ער האָט זיך נישט געהיט..."

II.

כ'האָב אַ היים, כ'האָב אַ היים,
דאָרט בעהאַלט איך מיך פון דיר,
און איך שעלט דיין חן...
כ'האָב אַ בעט, כ'האָב אַ בעט —
קומט די נאַכט, דאַן ליעג איך שטיל
אין מיין בעט אַליין...

קום נישט, דו... קום נישט, דו...
דו ביסט אַזוי האַלט און פרעמד...
דו ביסט נישט מיין פריינד...
אין מיין שטוב, אין מיין שטוב,
האָסטו אַזוי הויך געלאַכט —
היינט... געדענקסטו ?... היינט — — — —

III.

דײַנע ליפּען, רויט ווי פֿײַער,
רויט ווי בלוט. רויט ווי בלוט,
וואָלט איך אַזוי שטיל געטרונקען —
טאָר איך ניט...

עמיץ אַנדערש נאָגט זיי, נאָגט זיי,
ווי אַ שלאַנג ווי אַ שלאַנג...
איך מוז רוהען, איך מוז רוהען —
איך בין קראַנק...

IV.

אין אָבענדצייט, אין אָבענדצייט,
ווען פינסטער ווערד אין שטוב,
פערנעם איך טריט ביים פענסטער מיין...
ביסט דו עס ניט, מיין ליעב?...

יאָ, יאָ... איך הער א זיפץ אמאָל...
דו מוזט עס זיכער זיין...
צו גסיסה ווערסטו קומען נאָך
אין שטוב צו מיר אריין...

אין אַ פינסטערער נאַכט...

ווען איך קומען צו דיין שטיבעל,
קלאַפען אין דיין פענסטער שטיל...
קום, מיין לעבען, קום מיין לעבען...
היינט די ראָסע איז ניט קיהל...

קום, געליעבטער — ניטע שרעק זיך...
ס'האָט אַ סאָווע נאָר געלאַכט...
איך געדענק נאָך אַלטע וועגען
אין דעם טונקעל פון דער נאַכט...

„זיס־געליעבטער — ניטע ציטער"
וועל איך רעדען שטיל צו דיר...
זיס־געליעבטער, זיס־געליעבטער —
אַלץ ווי פריהער... אַלץ ווי פריהר...

און איך וועל דיר לידער זינגען,
און דו וועסט מיר קושען גע'ן...
אַז איך בין שוין גראָה געוואָרען
וועסט דיין אויג דאָך ניט דערזעהן...

נאָך יאָהרען.

— — — — — — —

ביי מיר אין שטוב איז גאָרנימ, גאָרנימ אנדערש...
עס הענגען נאָך די אלטע בילדלעך אויף די ווענד...
די איבער'ן בעט... וואָלסט די זיך נאָך דערקענט? —
ביסט יונגער דאָרט, און ביסט אינגאנצען אנדערש...

קום, קום אמאָל צו מיר אין שטוב צו גאסט...
פארנאכטליך קום, און בלייב אויף נאכט ביי מיר...
איך ריהר דיך ניט... ווי פריהר... ווי פריהר...
פאר שלאָפענגעהן וועל איך תפילה טהון צו דיר...

וועסט שלאָפען שטיל... וועסט שלאָפען ווי א קינד...
אָ טראכט ניט מעהר פון יענער אלטער זינד...
איך האָב זי לאנג גענומען גאנץ אויף מיר...
צי מיינסטו, אז מיין ריקען איז געבויגען אָהן א לאסט?

היימיש איז ביי אונז אין שטוב...

היימיש איז בײַ אונז אין שטוב —
פֿיהלסטו, ווי ס'איז היימיש ? — — —
ליעב האָב איך דיך, הארציג ליעב...
און די נאַכט מאַכט טרײַמיש...

אויף דײַן האַנד האָב איך געלעהנט
מײַן געגלעטען שטערען...
מײַנע הענד און דײַנע הענד
קײַטעלט איין בענעהרען...

מײַנע הענד און דײַנע הענד —
אוי ווי זיס זיי ברענען...
ווי די שאָטען אויף די ווענד
זעעל אָן זעעל זיך לעהנען...

ווי די שאָטען אויף די ווענד...
קינד — נאָך וואָס דאָס טראַכטען ?
זעליג גליהען אונז די הענד,
און די אויגען לײַכטען...

און די נאַכט, מײַן ליעב, מײַן ליעב —
זעה — זי ווינקט אינז טרײַמיש...
היימיש איז בײַ אונז אין שטוב...
פֿיהלסטו ווי ס'איז היימיש ? — — —

דאס איז עס...

דאָס איז עס, דאָס ליעדעל,
איך פלעג עס דאָך הערען,
ווען ס'האָט מיך מיין מאַמע
געוויעגט.
אָך, דאָס איז דאָס ליעדעל,
דיינע אויגען — איך קען זיי...
מיין מאַמע, מיין מאַמע
ביסט דו...

איך וועה דאָך, איך וועה דאָך...
אָך, וויך איז דיין הענטעל —
דאָך גליה ניִשט, צעגליה ניִשט
מיין קאָפּ...
לאָז רוהען, לאָז רוהען
אוי מאַמעניו מיינע,
לאָז רוהען בשלום
דיין קינד...

שרעק.

אַנייִן? — ס'האָט זיך נאָך נישט געטראָפֿען,
אַ טויטער זאָל קומען צו געהן,
און לאַכען צום פֿריינד, וועלכער לעבט נאָך,
און שטילען זיין הארציג געוויין...

איאָ? — ס'איז צו שרעקליך צו קלערען
פֿון יענעם אומגליקליכען נס,
אַז גרייכען זאָל פֿיהלענדיג לעבען
אין קבר אַריין צו'ן אַ מת...

היינט ווייס, וואס איך טראַכט אין דער פֿינסטער,
און וואס ס'איז מיין שרעק ביי דער נאַכט...
איך ווייס נישט, ווי מאָרגען וועט גוס'ען
מיין אויג, וואס האָט היינט נאָך געלאַכט...

איך ווייס נישט, ווי וועסטו עס קאָנען
פֿאַרביינעהן דערנאָכדעם מיין טיר...
איך ווייס נישט ווי וועל איך אַוועקגעהן,
ווי וועל איך אַוועקגעהן פֿון דיר — — —

אַז איך וועל שטאַרבען...

אַז איך וועל שטאַרבען — וועסט דו נישט וויינען,
איך ווייס, מיין פריינד.
דו וועסט מיין גרוב מיט בלומען בעקריינצען —
האָטש האָסט דאָס פיינט.

וועסט אַלע נאַכט מיינע ליעדער לייענען,
ווי היינט, ווי היינט.
אַז איך וועל שטאַרבען וועסט דו נישט וויינען —
מיין קלוגער פריינד.

מיין פריינד...

ביי נאַכט מוז מען וואַכען, ביי נאַכט,
צו זעהען דעם אָנהויב פון טאָג...
מיין לאַנגסטיגער, לאַנגסטיגער פריינד,
דו האָסט מיך אין אמת'ען ליעב...

מיין פנים איז שוואַרץ ווי די ערד.
מיין פנים איז קיהל ווי די נאַכט.
און שאָטענס בעדעקען עס גאַנץ,
אַזוי איז עס שוין פון גאַנץ לאַנג.

היינט האָב איך געשמייכעלט אין שלאָף,
„די זון איז מקדש די ערד"...
און דו האָסט געוואַכט און געזעהן,
דו ביסט אַזוי גליקליך געווען...

* * *

אַ שוואַרצע נאַכט אַ פֿינסטערע
האָט אײַנגעשלונגען אַליץ...
קום, קום צו מיר אין בעט אַרײַן,
און נעם אַרום מײַן האַלז...

מײַן מאַמע האָט מיך ניט געקושט
שוין זינט אַ גאַנצען יאָהר...
קום, קום צו מיר אין בעט אַרײַן,
און קוש מיך אויף די האָר...

און פֿלעכט אַרום מיט דײַנע הענד
מײַן קאָפּ, ווי מיט אַ קרוין —
מיר וועט זיך נאָכדעם חלום'ען
אַ קײַזער מיט אַ קרוין...

מיין שטיל געוויין האָסט דו געהערט...

מײַן שטיל געוויין האָסט דו געהערט —
מײַן פֿרײַנד, איך ווייס עס וואויל.
דו האָסט געזעהן די שטילע פּלאַם,
וואָס ברענט מײַן האַרץ אויף קויל.

און מיטען שלאָף האָב איך געפֿיהלט
דיך נאָהענט בײַ מײַן בעט.
האָסט דו דעם שטערען מיר געגלעט ?
געקושט די שוואַרצע האָר ?

איך האָב געוויינט אין מיטען שלאָף,
אָהן ווערטער זיך געקלאָגט...
אַנײַן ? — איך בין נישט שלעכט אַזוי,
ווי עמיץ האָט געזאָגט...

אַ בריעף.

I.

ליובּע מײַנע, הונדערט װעגען
ציִהען זיך אין פֿעלד...
װי װעסט דו מיר געהן אַקעגען?
לעבען מײַנס, מײַן װעלט...

— װי װעסט דו מיר נעהן אַקעגען?
װײסט דאָך ניט דעם װעג...
— װעמען װעסטו אויף מיר פֿרעגען?
אוי, ניט פֿרעג, ניט פֿרעג...

מײַנע װעגען װײסט ניט קײנער —
װעט מען װײַזען שלעכט...
און דו װעסט אומזיסטיג בּלאָנזען
לאַנגע טעג און נעכט...

II.

זיץ אין שטוב און קוק אַרום,
גרייט מיר אָן אַ ווייסע רויז,
גרייט אָן דערנער רויטע־בליהטע,
גרייט אָן דערנער רויזענגרוים...

טהו אַזוי אַ יעדען טאָג,
טהו אַזוי און וואַרט אויף מיר...
פלעכט אַ קראַנץ פון בלומען־מתים,
און מיט דערנער זיי בעציער...

וועל איך קומען וועל איך זעהן:
ווייסע רויזען וואָס פערגעהן
זענען דיינע זיסבעשמעקטע,
דיינע ווייסע הענד געווען...

און איך וועל דיר ווייזען: זעה —
דערנער זענען מיינע טעג,
וואָס איך האָב אַריינגעפלאָכטען
אין דעם קראַנץ פון דיינע הענד...

III.

ציִ דו ווֶעסט מיִר מוחל זייַן? —
ווֶעסט מיִר מוחל זייַן.
איִך געֶרעֶנק דאָך נאָך דייַן האַרץ —
דייַן גוט מוטעֶרהאַרץ.

איִך געדעֶנק דאָך נאָך דייַן אויג,
דייַן זיִס מוטעֶראויג.
און דו ביִסט דאָך מיִר אַ קיִנד —
און דו האָסט מיִך ליִעב.

מ. ק.

1.

גערענקסטו, ווען כ'האב דיך געזעהען
צום ערשטען, צום גליקליכען מאל?
געווען איז עס ערגיץ אין דרויסען...
געווען איז א ליכטיגע נאכט...

עס האבען געקוקט די חברים
אויף זיך, און אויף דיר, און אויף מיר...
און איך האב געקוקט אויף דיר איינעם...
און דו האסט גערעדט און געלאכט...

איך האב דיך געקושט מיט די אויגען...
מיין הארציג בלוט האט דיך געבענשט...
און דו האסט געצוינגען, געצוינגען
א מעשה פון איינעם, א מענש...

— „דער מענש, ער פלעג היילען מיט ד'אויגען...
געוואוסט האבען וויניג אין לאנד“ — — —
און שטיל, אין דער פינסטער פערבארגען
האט מיך געפונען דיין האנד...

II.

דײַנע אויגען קושען, קושען...
דײַנע אויגען גלעטען, גלעטען...
דײַנע אויגען, דײַנע אויגען,
עפּיס ווילען זיי און בעטען...

דײַנע אויגען — טיעפע ברונעס...
ברונעס טיעפע, ברונעס שטילע...
כ'האב אין זיי מײַן בילד דערזעהען...
לאָז מיך, לאָז מיך זאָגען תּפילה...

כ'האב אין זיי מײַן בילד דערזעהען...
כ'בין נאָך יונג, און פריש, און פרעהליך...
קום, מײַן בילד — איך וועל דיך קושען...
נאָר פאַמעליך... נאָר פאַמעליך...

דײַנע אויגען לאַכען... לאַכען...
דײַנע אויגען... דײַנע אויגען...
מײַנע ווײַטאָגען, ווי טויבען
זענען פון מיר אָבגעפלויגען.

III.

מײַן אויג בעגלייט די זון —
אַ שאָטען געהט, און פאַלט —
אַ שאָטען פאַלט, און ליעגט —
און דו האָסט מיך פערוויעגט...

איך בין אַ קינד וואָס לאַכט,
און האָט אין אויג אַ טרעהר...
דו האָסט אַ האַנד ווי זייד...
מײַן ווײַנען איז שוין ווײַט...

ווען האָב איך דען געוויינט ?
דאָך ניט בײַ דיר — אַ ניין ? — — —
עס האָט דיך נאָר געבראַכט
פון ווײַטען מײַן געוויין...

IV.

גיט אין האַרצען נאָך א שטאָך,
פֿאלט אַ בלאַט און נאָך אַ בלאַט...
דאָך, מיין פֿריינד, ס'איז גוט... ס'איז גוט...
אָ, פֿיעל גליק האָב איך געהאַט!

פֿריינד מיין יונגער... פֿריינד, מיין פֿריינד...
וועסט דאָך לעבען לאַנג נאָך, לאַנג...
איך קוק אויף דיר — און לעב... און לעב...
האָט ווער געלעבט שוין אַזוי לאַנג? —

V.

לעג איך מיך אין אייזענבעטעלע
שפעט ביי נאכט און גאנץ אליין —
לאכען צו מיר מיינע שויבען
מיט דיין פענסטערס נאהנטער שיין...

נאכדעם מאך איך צו די אויגען —
דאכט זיך מיר, אז דו ביסט דא.
און מיט צוגעמאכטע אויגען
שלאף איך נישט א גאנצע שעה...

און דיין האנד די מוטערווייכע
שלעפט מיך איין, און דעקט מיך צו — — — —
אויס מיין בענקשאפט בליהען רויזען,
און זיי שמעקען גלייך ווי דו — — — —

VI.

װעסט דיך אױפֿכאַפּען פֿון שלאָף,
און װעסט אױסשטרעקען די האַנד,
און װעסט טרעפֿען אױף דער װאַנד,
און װעסט װײנען װי אַ קינד...

דעמאָלט װעל איך זײן בײ דיר...
גלײב מיר, קינד, כ׳װעל זײן בײ דיר...
האָטש די נאַכט װעט שװאַרץ זײן, שװאַרץ —
רױט װעט לײכטען דיר מײן האַרץ...

ס׳איז מײן האַרץ אַ שטילס, אַ שטילס...
און אַ שעמעװדיגס בײ טאָג...
נאָר די נאַכט צעגליהט עס רױט,
װען עס הערט זיך קינדער־קלאָג...

VII.

איך האב דיין פנים נישט געקושט,
און דיינע ברוסטען אויכ'עט נישט,
און האב נישט אויפגעפלאמט דיין שאנד —
כ'האב נור געקושט דיין ווייסע האנד.

איך האב נישט ווי א שליידערשטיין
געזוכט דיין גרונד, וואס איז נישט ריין —
נאר ווי אן אנקער פון א שיף
בין איך געוועזען אין דיין טיעף.

דיין שטילע טיעף האב איך געקושט —
און ווייטער נישט, און ווייטער נישט.
מיין שיף האט זיבען טאג גערוהט.
א, ים — דו ביסט געוועזען מיר גוט..

א וואך צו רוהען איז גענוג...
עס בענקט זיך אויך נאך ווינדמוזיק...
עס בענקט זיך אויך נאך ווינדגעוויין,
נאך חוואליעס־טעניץ און פעלזענציין...

שוין, שוין! אבי איך האָב א געסט.
איצט נעם מיין האנד און דריק זי פעסט...
דו ביסט אַ מאַן, ביסט שטאַרק און גוט —
דו לאַכסט מיט בלוט, און וויינסט מיט בלוט.

דו ביסט אַ מאַן — און ביסט אַ קינד,
און זינגסט, ווי פון די בערג אַ ווינד,
און אַז דו לאַכסט, ביסט דו אַ נאַט —
דיין וויינען איז דער וועלטענסוד...

אַ לאַז דיין בלוט מיר זינגען היינט
פון שעהנע פריינד און יונגע פריינד,
און נאָכדעם רעד מיט ליפען בלאַס
פון יאָהרען, ווען מ'איז טויבענוויים...

VIII.

איך רוף דיך אין נעכט פון חלומות,
אין שטילע, פערסודעטע נעכט —
די מענש מיט די אויגען, ווי ימ'ען,
די שטילער, פערסודעטער מענש...

איך קוש דיך און רוף דיך ביים נאמען,
און וועק דיך אפילו פון שלאף,
אזוי ווי דיין איינענע מאמע...
אזוי ווי מיין איינענעם זוהן...

איך עפען די ליפען צום רעדען —
דאך שווייג איך, איך רעד נישט קיין ווארט...
מיר געהען אין נעכט פון חלומות
פערהלומטערהייט האנד אין האנד...

די האסט מיין נשמה געזעהען —
דיין אויג איז דאך טיעף ווי דער ים...
און אליין, וואס איך קוש עס אם שטילסטען
שווימט אום אין די אויגען ביי דיר...

א בריעף צו ש. א.

I.

הײנט האָב איך געצעהלט מײנע נארבען
אין הארצען, אין הארצען גאָר טיעף...
הײנט האָב איך געטראַכט װעגען שטאַרבען,
מײן פרײנד, און איך שרײב דיר אַ בריעף.

— דער טויט איז בעשטענדיג אויף לויער —
אַזוי האָב איך, ברודער, געקלערט...
עס איז ניט קײן שרעק און קײן טרויער,
מיר זענען דאָך זיהן פון דער ערד...

דאָך שרעקט מיך די צײט פון מײן שטאַרבען,
עס שרעקט מיך דער טויט, װען איך טראַכט:
ער װעט מײנע ליפען ענטפאַרבען,
ער װעט מיך בעפאַלען בײ נאַכט...

ער װעט מיר מײן פיהלען פערבײטען,
און קאַלט װעט מיר װערען, און שװאַרץ...
און דו ביסט פון װײטען, פון װײטען,
מײן פרײנד מיט דעם װאַרעמסטען האַרץ.

II.

איך לעג מיינע הענד אויף די שעה'ן,
און צעהל זיי, און וויים ניט קיין צאהל...
און — וויסטו — איך האף נאך צו גראהען,
מיין פריינד וואס דו קושסט מיך אמאל...

און — וויסטו — איך האף נאך צו גראהען...
דאך נאכדעם מוז קומען דער טויט...
איך לעג מיינע הענד אויף די שעה'ן —
און ווארט אויף דעם קומען פון טויט...

III.

און אַז איך וועל שטאַרבען, מיין ברודער,
און אַז איך וועל שטאַרבען, מיין פריינד,
קלויב־אויף מיינע לאַכענדע ליעדער,
קלויב־אויף מיינע ליעדער פון היינט...

און דרוק אין אַ בוך אָהן אַ נאָמען
די ליעדער וואָס ליינען זיך גרינג...
פערקויף מיינע ביכער, די בלומען
צו יענע וואָס זענען נאָך יונג...

פערקויף מיינע בלומען, די ביכער,
און שטעל מיר אַ פשוט'ען שטיין —
דאַן וועט ער פערוואַקסען וואָס גיכער —
און רוהיג וועט זיין מיין געביין.

א ליעד.

בלומען מײנע, בלומען...
יונגע, יונגע קעפּ...
אויגען װי די זונען...
טיעפֿע װי דער ים...

בלומען מײנע, בלומען —
כ'האָב פֿאַר אײך א סוד...
קינדער מײנע, קינדער —
װײסט איהר? — איך בין נאַס...

איך בין גאָט פֿון לעבען,
און פֿון ברויט און װײן...
קושט אײך, זון און װאַסער —
כ'װעל מיך טובֿל זײן...

זעהט מײן נאַקעט לײב,
זונען מײנע, זונען —
צי װעט איהר אין איהם
מיטענשרעק געפֿינען...

זעהט מײן נאַקעט לײב,
ימען מײנע, ימען —
צי װעט איהר נישט זיעדען
אונטער זײנע פֿלאַמען...

נאָך מיין טויט.

צו מיינע שעהנע

הײַנט, ווען די לעזט דאָס, בין איך טויט — — —
מען האָט מיך געלייגט אין אַ קבֿר אַרײַן — — —
דו האָסט הײַנט געגעסען פֿלייש און ברויט,
און האָסט געטרונקען וואַסער און ווײַן — — —

הײַנט, ווען די לעזט דאָס בין איך טויט — — —
מיט ווײַסע ציין צו שוואַרצער ערד
לאַך איך, און ווייס נישט... אַמאָל האָב איך בעגעהרט
די ליפּען דײַנע, וואָס ברענען רויט...

דו געהסט אַרום אין דײַן שטוב אַליין — — —
דו האָסט פֿערהילט דײַנע ווײַסע גליעדער
מיט קליידער וואָס נעמען דײַן וואַרימקייט צו,
די זיסע וואַרעם פֿון דײַנע גליעדער . . .

וואַרף אַראָב, וואַרף אַראָב פֿון דײַן לײַב דאָס געוואַנד!
און זעה דײַן פֿלייש און זײַן לעבען...
און פּרעס דיר דײַן ברוסט, און קוש דיר דײַן האַנד —
זאָלסט דיר אַלע דײַנע זינדען פֿערגעבען...

און בייג דיך אָן, און הער דיך צו
צום גאַנג פֿון דײַנע בלוטען — — —
ווײַל עס קומט אַ טאָג — און מען וועט אויך דיך
אַ טויטען אין גרוב פֿערשיטען...

אויף מיין קבר.

זוהן מיינער, טאַנץ אויף מיין גרוב. איך הער, איך הער דיין געזאַנג.
רוף מיך ביים נאָמען, און הויך. קוש מיך אין שטילסטען געדאַנק.
זעץ דיך אַנידער אין גראָז. גראָז איז דאָך דאָ אויף מיין גרוב —
און טראַכט אַז צווישען טויזענד — האָב איך אויך דיך געהאַט ליעב.

צו מיינע אומבעקאַנטע.

האָסט אַמאָל פֿון מיר געטראַכט
האַרציג, אַזוי ניט ?
האָסט אַמאָל אין שטילער נאַכט
שטיל געליינט מיין ליעד ?

האָסט אַמאָל אין האַרץ געפֿיהלט
אַז דו האָסט מיך ליעב ?
אַז דו וואָלסט מיט מיר געלאַכט
אין מיין שטילער שטוב...

האָסט אַמאָל געטראַכט מיט פֿרייד,
מיט לויטער, לויטער פֿרייד,
פֿון מיין שטוב און פֿון מיין בעט,
און פֿון מיין שטילען שלאָף ? — — —

דאַן קום צו מיר, מיין פֿלייש, מיין בלוט...
פֿערלאָז דיין הויז, פֿערלאָז...
מיין פֿענסטער האָט קיין לאָדען ניט,
מיין טיר איז אָהן אַ שלאָס..